# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די לייענער

**וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם...**

בעזרת השי"ת ▪ פרשת שמות תשפ"א ▪ גליון קז'

איך דארף א ישועה!

# וואס קען איך טוהן
# אז מיינע תפילות זאלן עושה רושם זיין?

**תפילה ביי די אידן אין מצרים אונטערן שווערן יאך...**

**תפילה:** יעדע איד אין יעדע זמן דאווענט און בעט זיך ביים בוכ"ע זה בכה וזה בכה. עס זענען דא זמנים וואס דער מענטש זאגט א קורצע תפילה און ער ווערט געענטפערט באלד אבער עס זענען אויך דא זמנים וואס דער מענטש דאווענט און מען ענטפערט אים נישט און! שטייט א איד און וואונדערט זיך "האט דאס עפעס צו טוהן מיט מיר? איז דא עפעס וואס איך קען טוהן אז מיינע תפילות זאלן מער אדער וויניגער נתקבל ווערן?"

אין די וואכנדיגע פרשה, געפונען מיר 3 פון די 10 לשונות פון תפילה[א]: **וַיִּזְעָקוּ**, וַתַּעַל **שַׁוְעָתָם** אֶל הָאֱלֹקִים, וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת **נַאֲקָתָם**. ווי די מפורשים זענען מסביר, זענען דאס ספעציעלע תפילות וואס זענען גלייך נתקבל געווארן, אנדערש פון די פריערדיגע וואס זענען נישט נתקבל געווארן...

**לאמיר פארשטיין!** ווען ווערן די תפילות אנגענומען און ווען דארף מען עקסטערע זכותים? לאמיר באקומען א נייע דערהער אין די ענין פון תפילה דורך גוט אפלערנען עטליכע פסוקים מיט אירע מפורשים...

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה.** (שמות ב, כג)

פון ווען די הייליגע שבטים זענען אוועק פון די וועלט, האבן די אידן ליידער אנגעהויבן ליידן צרות פון איין פרעה נאכן צווייטן, יעדער מיט זיין וועג ווי אזוי שווער צו מאכן און אונטערדריקן כלל ישראל. ווי א יאר איז פארביי, זענען די צרות געווארן שווערער און שווערער. דער מצב איז געווארן אזוי אומדערטרעגליך, אז יעדע שעה האט זיך געשפירט אזוי לאנג ווי א גאנצע טאג. סוף טאג האט זיך עס געשפירט ווי עס איז שוין אריבער א גאנצע וואך. (ווי דער מדרש זאגט: ימים של צער היו, לפיכך קורא אותן **רבים**. מד"ר פ"א, ב)

זאגט דער באר מים חיים: **וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם**, כאטש וואס אלע זייערע טעג ביז אהער זענען געווען בצער און דערפאר רופט מען זיי אן "**ימים רבים**", האט די צרות זיך יעצט פארמערט. "**ויהי**", עס איז געווארן א צרה (ויהי איז א לשון פון צער), **בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם**, אין די שווערע טעג, אזא צרה וואס אפי' קעגן די אלע שווערע טעג, האט דאס געהייסן א צער.

וואס האט פאסירט? **וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם...** די קעניג פון מצרים איז געווארן קראנק און קרעציג. זיינע חרטומים האבן אים געזאגט אז עס איז נישט דא קיין שום אנדערע רפואה נאר דורך זיך באדן אין אידיש בלוט. שטעלט אייך פאר: צוויי מאל א טאג, אינדערפרי און ביינאכט, האט מען ליידער גע'שחט'ן 150 קינדער, ס"ה 300 קינדער א טאג, וואס דאס קומט אן צו 2,100 קינדער א וואך רח"ל. אזוי האט זיך ל"ע די ביטערע גזירה געצויגן פאר 3 גאנצע יאר אן אויפהער, אנקומענדיג צו אן אויסטראנאמישע סכום פון 327,600 אידישע קינדער ר"ל, הֲלֹא לְמִשְׁמַע אֹזֶן דָּאֲבָה נַפְשֵׁנוּ... (מעם לועז ועי' בבמ"ח)

די אידישע קינדער האלטן דאס שוין נישט אויס, "**וַיִּזְעָקוּ**" פון טיפעניש פון הארץ האבן זיי געשריגן צום אייבערשטען "טאטע העלף!" זאגט דער פסוק: **וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים**... זייער תפילה איז גלייך ארויף אין הימל און עושה רושם געווען, און דער אתחלתא דגאולה האט זיך אנגעפאנגן...

געבט דער באר מים חיים צו פארשטיין: פארוואס פונקט יעצט זענען די תפילות ארויף? **כי כל זעקה הוא מן הלב וזה מתקבל יותר**, א געשריי פון א צובראכן הארץ ווערט גלייך אנגענומען. **כי זעקת הלב**

---

[א] **י' לשונות נקראת תפלה:** זעקה. שועה. נאקה. צרה. רנה. ופגיעה. נפול. ופלול. עתירה. עמידה. חילול. חנון. **זעקה**: במצרים שנא' ויהי בימים הרבים ההם וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו. **שועה מנין**? שנאמר ותעל שועתם. **נאקה מנין**? וישמע אלהים את נאקתם. (ספרי דברים, פרשת ואתחנן, פיסקא כו)



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

**בלב נשבר ונדכה אף "אלקים" שהוא בחינת הדין לא תבזה אותו.** וכך הם דברי אוחה"ק (שם כג עוד ירצה) **כי אחת מהתפילות המתקבלות, היא תפילה שמתוך צרה.**

## די תפילות בעת צרה קומען אליין ארויף אן קיין שום אמצעי...

ווי דער אוחה"ק זאגט שפעטער: **וְעַתָּה הִנֵּה צַעֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָה אֵלָי...** (לקמן ג, ט). דער אייבערשטער זאגט פאר משה: **צַעֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** "בָּאָה אֵלָי", די תפילות אליין זענען ארויפגעקומען צום כסא הכבוד אן קיין שום אמצעי, זיך געשטעלט פאר מיר און געשריגן "העלף..." אנדערש פון סתם תפילות וואס די מלאכים זענען די וואס ברענגען זיי ארויף און געבן דאס איבער פאר מיר. דערפאר האבן די תפילות אן עקסטערן כח און זיי פועל'ן גלייך.

פארוואס זענען זיי אזוי ספעציעל? זאגט דער רבינו בחיי: **ללמדך שאין תפילתו של אדם שלמה, כאותה שהוא מתפלל מתוך צרה ודוחק.**

**עס איז נישט דא אזא גאנצע תפילה,**
**ווי א תפילה וואס קומט פון א צובראכן הארץ.**
**קָרוֹב ה' לְכָל־קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת**

• • •

**וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה:** די אידן אין מצרים האבן ביטערליך שווער געארבעט פיזיש אן גייסטיש, ארבעט וואס אונטערדריקט יעדע בשר ודם, פון אינדערפרי ביז ביינאכט...

דארף מען פארשטיין: צו האבן זיי דען נישט געדאווענט אין געבעטן די גאנצע צייט, "טאטע העלף אונז שוין"? אלא מאי, מוז מען זאגן אז אודאי האבן זיי געדאווענט און געוויינט, נאר די תפילות זענען נישט אנגענומען געווארן.

פארוואס? זאגט דער רבינו בחיי (שם עה"פ ותעל שועתם): כי אף על פי שהגיע הקץ כבר, לא היו ראויים לגאלה... דער מדת הדין האט געשטערט!

דעמאלטס פארוואס יעצט יא? זאגט דער באר מים חיים: ווייל יעצט זענען זיי צוגעקומען צו א מצב פון אן אמת'ע **לב נשבר ונדכה,** וואס **אף "אלקים" שהוא בחינת הדין לא תבזה אותו.** הערשט יעצט, האט די תפילה באקומען א כח וואס פארט גלייך ארויף, אן קיין שום שטערונגען.

ווי ער טייטשט דער פסוק: **וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה.** דער יעצטיגע "שועה" (ביי וימת מלך מצרים) איז געווען פיל שטערקער און איז ארויף פיל העכער "מן העבודה", ווי דער געשריי פון די ארבעט וואס איז געווען ביז יעצט... (עיי"ש)

**וא"ת:** ווי אזוי איז דאס מעגליך? ווי אזוי קען זיין אז ארבעטן פון אינדערפרי ביז ביינאכט עבודת פרך, כאפן פעטש נאכאנאנד פון די נוגשים, און דארפן צוזעהן ווי זייערע קינדער ווערן אריינגעבויט אין די ווענט, האט זיי נישט צוברענגט צו א מצב פון "לב נשבר ונדכה"??

זענען די מפורשים מסביר: אודאי, ביז יעצט זענען זיי אויך געווען א לב נשבר, דער איד איז געווען צושאסן און צובראכן נאר...

## דאווענען האבן זיי נישט געקענט...

פארוואס?

זאגן די מפורשים[ב]: ביז יעצט, האבן די אידן מורא געהאט פון די נוגשים וואס האבן זיי אזוי גע'רודפ'ט און געפייניגט, אז אפי' וויינען האט מען זיי אויך נישט געלאזט. (מען זאל חלילה נישט פארשעמען דעם קעניג ווי כאילו מען איז נישט צופרידן פון אים.)

אבער יעצט, ווען פרעה איז געשטארבן און די מצריים האט קובע געווען א טרויער טאג, האבן די אידן אויסגענוצט די געלעגנהייט און בו בזמן וואס דער גאנצע פאלק האט געוויינט און געשריגן אויף די פטירה פונעם גרויסן קעניג, האבן אויך די אידן זיך גענעצט שרייען און וויינען צום אייבערשטן, אבער נישט ווייל דער קעניג איז געשטארבן, נאר צוליב די שווערע ארבעט...

**וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם – וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה...** יעצט איז געווען די ערשטע מאל וואס זיי האבן געקענט וויינען און שרייען צום טאטען אין הימל, אן דעם וואס מען זאל זיי שטערן.

**וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים** (ב, כה). זאגט דער של"ה הק'[ג]: **וַיַּרְא אֱלֹקִים,** דער אייבערשטער האט זיי געזעהן וויינען אבער **וַיֵּדַע אֱלֹקִים,** נאר דער אייבערשטער אליין האט געוואוסט די אמת'ע כוונה פון זייער וויינען.

ווען עס איז דא "**וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה**", א צובראכן הארץ,
צוזאמען מיט א "**וַיִּזְעָקוּ**", מען דאווענט מיטן גאנצע כוונה,
דעמאלטס איז דא דער געוואלדיגע סגולה פון
**וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה.**

• • •

## לאמיר מאכן א שטיקל סך הכל

כאטש וואס די אידן זענען נאך דעמאלטס נישט געווען ראוי צו ווערן אויסגעלייזט, ומן הדין וואלטן זיין געדארפט נאך בלייבן עטליכע יאר אין מצרים, דאך צוליב דעם יעצטיגן ווי געשריי זענען זייערע תפילות אנגענומען געווארן און דער גאולה האט זיך אנגעפאנגען.

ווי די רמב"ן שרייבט (שמות ב, כה) וז"ל **כי אע"פ שנשלם הזמן שנגזר עליהם לא היו ראויים להגאל** כמו שמפורש ע"י יחזקאל, **אלא מפני הצעקה קיבל תפילתם ברחמיו.**

און אזוי אויך שרייבט דער רמב"ן אין פרשת בא (שמות יב, מב) וז"ל **ומן הידוע שהיו ישראל במצרים רעים וחטאים מאד, וביטלו גם**

---

[ב] הובא במעם לועז, וכן כ' בספר אור ישרים על הגדה של פסח מבעל שו"ת עמודי אור.

[ג] בסידור השל"ה מצאתי כתוב בספר שער השמים שלו פירוש הכתוב כך. (נחמד ונעים)

**המילה... ועל כן ארך גלותם שלשים שנה, והיה ראוי שיתארך יותר, אלא שצעקו והרבו תפילה.**

**די פרשה קומט אונז לערנען:**

אפי' אזא איינער וואס איז בדיוטא התחתונה, אז אפי' מצוות מילה איז ער אויך נישט מקיים, דאך אויב דאווענט ער מיט זיין גאנצע הארץ, איז זיין תפילה עושה רושם און פארשניידט אלע גזירות.

**אמר ר' אלעזר: מיום שחרב בית המקדש ננעלו שערי תפילה... ואעפ"י שננעלו שערי תפילה, "שערי דמעה" לא ננעלו.** (ברכות לב:)

[פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז געווארן אסאך שווערער דער ענין פון תפילה. ווי דער מהרש"א זאגט (ב"מ דף נ"ט ד"ה מיום שנחרב): ומשנחרב המקום ההוא ננעל השער אשר שם, ובעי תפילה ורחמים מרובים לפני המקום שיפתח מנעול השער ההוא.]

## פארוואס האט מען פארמאכט די שערי תפילה?

געבט דער בן יהוידע צו פארשטיין: (ברכות לב ע"ב ד"ה עוד נ"ל) **בזמן** הבית איז געווען קרבנות, שחרית און מנחה האט זיך אנגעהויבן מיט א קרבן וואס האט מכפר געווען. אבער נאכן חורבן, ווען דער גאנצע ענין איז אריבער צו תפילה, שהרי תפילה עומד במקום קרבן, איז דאס שוין נישט די זעלבע. וויבאלד תפילה איז אן עבודה שבלב, איז דאס זייער א שווערע עבודה, **שהיצה"ר עומד שם ומבלבלו במחשבות זרות וידוע...**

**ואם היה תפילה ראויה בכונה שהיא במקום הקרבנות היו התפילות מפילים את חומת ברזל הנעשית מן העונות...**

וואלטן די תפילות געווען מיט כוונה, וואלטן זיי געקענט איינווארפן די חומות הברזל.

**אך בחרבן בהמ"ק שנפסקו הקרבנות וגם התפילות שהיו במקומן אינם שלמים בלב, לכך נשארה חומת ברזל- הם העונות הנעשים מן השראת יצה"ר שהוא זר בתוך לב האדם- מפסקת בין ישראל לאביהם שבשמים.**

די עבירות פון בילבול הלב והמח וואס דער יצה"ר מאכט אונז אן בעת התפילה, דאס אליין איז דער מחיצת הברזל וואס איז מפסיק בין ישראל לאביהם שבשמים.

וויל נאר אזא תפילה וואס קומט פון א גאנצע הארץ, דאס איז וואס גייט גלייך ארויף. אבער א תפילה וואס קומט פון א הארץ וואס איז פארנומען פון אלע זייטן, שטערט די תפילות פון ארויפגיין...

**ואעפ"י שננעלו, שערי תפילה** איז אבער **שערי דמעה לא ננעלו...** פארוואס? וויל דאס קומט שוין יא פון א ווארעם הארץ. א געוויין קומט נאר פון א הארץ וואס איז געווארן באריערט. א קרעכץ וואס קומט פון אן אמת'ע הארץ גייט גלייך ארויף, וויל ווען דער הארץ איז דא, דאווענט זיך אנדערש.

דערפאר שרייבן די פוסקים בשם האריז"ל: **דיש להתעורר בבכיה בימים הנוראים.** וויבאלד אין די הייליגע טעג ווילן מיר מעורר זיין אן עקסטערע סגולה אז אונזערע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, דערפאר איז כדאי מען זאל ווערן "נתעורר לבכי", וויל דאס מיינט אז עס קומט פון א צובראכן הארץ.

• • •

**ויאנחו בני ישראל מן העבודה, ויזעקו ותעל שועתם... וישמע... וירא... וידע...**

זאגט דער כתב סופר: די גמרא זאגט (ברכות ס.): איינמאל איז הלל אריינגעקומען אין זיין שטאט און געהערט שרייען קולות. האט ער געזאגט, "**מוטחני שאין זה בתוך ביתי**, איך בין זיכער אז דאס איז נישט פון מיין שטוב."

פון וואו האט הלל דאס געוואוסט? איז דער כתב סופר מסביר: ווען א פשוט'ע מענטש שרייעט, שרייעט ער פון וויטאג און קרעכצן, ווי דער סדר איז ווען מענטשן האבן יסורים, וויינען און קרעצן זיי, אבער קיין ישועה בעטן זיי נישט.

משא"כ, ערליכע אידן ירא ה', שרייען און וויינען אויף זייערע עוונות וקורא לה' "הושיעה נא".

דאס זאגט די גמרא: **כששמע הלל קול צווחה בעיר**, ווען הלל האט געהערט א פשוט'ע געשריי אן קיין ווערטער און אן קיין געבעט צום אייבערשטען, האט ער געוואוסט "**מובטחני שאין זה בתוך ביתי**", וויל פון זיין שטוב וואלט מען נישט סתם אזוי געוויינט און געקרעכצט, נאר מען וואלט געהערט תפילות און זיך בעטן ביים אייבערשטען.

מיט דעם טייטשט דער כתב סופר: **ויאנחו בני ישראל**, די אידן אין מצרים האבן געקרעכצט אבער דער קול התפילה האט מען נישט געהערט, וויל זיי האבן מורא געהאט פון די מצרים, אבער **וידע אלקים**, דער אייבערשטער, וואס ווייסט מצפוני ליבו, האט יא געוואוסט אז דאס איז א קול פון תפילה וישמע אלקים.

ווי מיר האבן פריער געשריבן פונעם של"ה הק'...

**וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים** (ב, כה). זאגט דער של"ה הק': **וַיַּרְא אֱלֹקִים**, דער אייבערשטער האט זיי געזעהן וויינען אבער **וַיֵּדַע אֱלֹקִים**, נאר דער אייבערשטער אליין האט געוואוסט די אמת'ע כוונה פון זייער וויינען.

**קען דאך א מענטש טראכטן צו זיך, "וואס זאל איך טוהן אז איך בין נישט קיין לב נשבר? ב"ה, איך האב נישט אזויפיל צרות! און די פולסטע כוונה איז מיר שווער... וואס זאל איך פארט טוהן אז מיינע תפילות זאלן אנגענומען ווערן?**

חז"ל זאגן אונז עטליכע עצות... עצה #1

## עס זענען דא צייטן וואס דער טויער איז אפן!

זאגט דער רמב"ם: תפילת הציבור נשמעת תמיד ואפילו היו בהן חוטאים אין הקב"ה מואס בתפילתן של רבים. (פ"ח מתפילה ה"א, ברכות ח.)

**ווען א ציבור אידן שטעלן זיך דאווענען, עפנט זיך די טויערן...**

"**הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים**". זאגט דער זוה"ק: רבי אבא פָּתַח ואמר, "פָּנָה אֶל תפילת הָעַרְעָר- וְלֹא בָזָה אֶת

תפילתם[ד].״ (תהלים קב, יח)

און דער זוה״ק איז מסביר: די פסוק איז דא מרמז צוויי סארטן תפילות. עס איז דא א תפילה וואס מען איז זיך ״**פונה** צו דעם״, עס פארט נישט אזוי גרינג אדורך! און עס איז דא א תפילה וואס ״**ולא בזה**״, נישט קיין חילוק וויאזוי עס קוקט אויס, טוט מען עס נישט פארשעמן און עס גייט גלייך ארויף לעילא.

**פנה אל תפילת הערער**, ווען א תפילת יחיד קומט ארויף, טוט מען דאס באטראכטן אין דן זיין, ״ווי אזוי קוקט אויס די תפילה? איז דאס מיט כוונה און מיט הארץ אדער פשוט געזאגט? פון וועמען קומט זי, א מענטש וואס איז חייב אדער זכאי?״

אנדערש איז אבער ביי די תפילה פון א רבים, וואס אזא תפילה איז ״**לא בזה את תפילתם**״. תפילת רבים גייט גלייך ארויף, מען באטראכט דאס בכלל נישט. אפי׳ עס זענען דא עטליכע תפילות וואס וואלטן נישט אדורך דעם השגחה ביי א יחיד, צו ווייל מען האט נישט אינגאנצן אינזין געהאט אדער ווייל דער מענטש איז נישט אזא צדיק, אעפ״כ גייט אלעס ארויף לפני הקב״ה.

ענדיגט צו דער זוה״ק: דערפאר זאל יעדע איד דאווענען מיט א ציבור, ווייל אזוי וועלן זיינע תפילת גלייך ארויפגיין. (וכ״פ הרמב״ם שם לפיכך צריך אדם לשתף עצמו עם הציבור ולא יתפלל ביחיד כל זמן שיכול להתפלל עם הציבור.)

**פאר אונזער טובה: לאמיר זיך מקבל זיין און אכטונג געבן אויף תפילה בציבור. ווי אימער מען געפונט זיך, זאל מען דאווענען מיט מנין, אזוי וועלן אונזערע תפילות שנעלער ארויפגיין...**

עצה #2

## דער עצה פונעם אמרי יוסף!

**וְעַתָּה הִנֵּה צַעֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָה אֵלָי...** (לקמן ג, ט)

זאגט דער אמרי יוסף: ביז יעצט האבן די אידן אודאי אויך געדאווענט מתוך קושי השעבוד, אבער וויבאלד זיי האבן נישט תשובה געטוהן[ה] זענען זייערע תפילות נישט ארויף.

**הערשט יעצט, ביי די מעשה פון ״וימת מלך מצרים״, שעשו תשובה בסתר,** (די אידן האבן געהאט א מינוט פון התבוננות כמש״כ לעיל, אדער ווייל יעצט איז געווארן שטערקער זייער צער.) **דוקא יעצט זענען די תפילות ארויף...**

**וְעַתָּה**, (אין ועתה אלא תשובה) יעצט ווען די אידן האבן תשובה געטוהן, **צַעֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָה אֵלָי...** זענען זייערע תפילות ארויף גלייך צום כסא הכבוד.

זאגט דער אמרי יוסף: פארוואס זעהן מיר אסאך מאל אז א מענטש איז מתפלל ואינו נענה? דער אייבערשטער איז דאך א שומע תפילות כל פה? נאר די עוונות פונעם מענטש איז דער מסך המבדיל בין קונו ובין ית״ש, און דאס לאזט נישט ארויף זיין תפילה.

וואס איז דער עצה? **והתקנה לזה, להרהר בתשובה מעומק הלב, ותיכף סר ממנו תואר שם רשע.** איידער מען שטעלט זיך דאווענען, זאל מען מהרהר זיין איין רגע מיט אן אמת׳ע תשובה, ״רבוש״ע, איך וויל זיין גוט, איך וויל נישט טוהן קיין שלעכטס...״ **והוא סגולה גדולה לקבלת התפילה.**

**לפי״ד, קען מען גוט פארשטיין די גמרא אין ברכות:**

**אר״פ היינו דאמרי אינשי גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי.** (ברכות סג, א) אפי׳ א גנב וואס איז אינמיטן די גניבה און ער זעהט אז ער איז אויף צרות, **רחמנא קרי**, שרייט צום אייבערשטען ״טאטע העלף!״ און דער אייבערשטער העלפט אים.

פארוואס? וויבאלד דעמאלטס קומט עס פון טיפעניש פון הארץ. ער וויל נישט מען זאל אים כאפן! ובפרט קומט דאס נאך מיט חרטה געפילן״. האט דאס אן עקסטערע כח און דער אייבערשטער הערט אויס אפי׳ א גנב.

ווייל ווען אונזערע תפילות קומען פון טיפעניש פון הארץ, וועט דאס אי״ה אנגענומען ווערן.

# צידה לדרך

## די תפילה פונעם הייליגן רבי ר׳ אלימלך זי״ע וועט זיך יעצט זאגן אינגאנצן אנדערש...

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ שׁוֹמֵעַ קוֹל שַׁוְעַת עֲתִירוֹת וּמַאֲזִין לְקוֹל תפילת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, שֶׁתָּכִין לִבֵּנוּ וּתְכוֹנֵן מַחְשְׁבוֹתֵינוּ וּתְשַׂגֵּר תפילתנוּ בְּפִינוּ וְתַקְשִׁיב אָזְנֶיךָ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל תפילת עֲבָדֶיךָ **הַמִּתְחַנְּנִים אֵלֶיךָ בְּקוֹל שַׁוְעָה וְרוּחַ נִשְׁבָּרָה.**

וְאַתָּה אֵל רַחוּם בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וּבַחֲסָדֶיךָ הַגְּדוֹלִים, **תִּמְחוֹל וְתִסְלַח וּתְכַפֵּר לָנוּ וּלְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל אֶת כָּל מַה שֶּׁחָטָאנוּ וְהֶעֱוִינוּ וְהִרְשַׁעְנוּ וּפָשַׁעְנוּ לְפָנֶיךָ**, כִּי גָלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ כִּי לֹא בְּמֶרֶד וּבְמַעַל חָלִילָה וְחָלִילָה מָרִינוּ אֶת פִּיךָ וְדִבְרֵי תוֹרָתֶךָ וּמִצְוֹתֶיךָ, כִּי אִם מֵרֹב הַיֵּצֶר הַבּוֹעֵר בְּקִרְבֵּנוּ תָּמִיד, לֹא יָנוּחַ וְלֹא יִשְׁקֹט עַד אֲשֶׁר מְבִיאֵנוּ אֶל תַּאֲוַת הָעוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה וְאֶל הֲבָלָיו, **וּמְבַלְבֵּל אֶת מַחְשְׁבוֹתֵינוּ תָּמִיד, אֲפִלּוּ בְּשָׁעָה שֶׁאֲנַחְנוּ עוֹמְדִים לְהִתְפַּלֵּל לְפָנֶיךָ וּלְבַקֵּשׁ עַל נַפְשֵׁנוּ הוּא מְבַלְבֵּל אֶת תפילתנוּ וְאֶת מַחְשְׁבוֹתֵינוּ תָּמִיד בְּתַחְבּוּלוֹתָיו**, וְאֵין אָנוּ יְכוֹלִים לַעֲמֹד נֶגְדּוֹ, כִּי נֶחֱלַשׁ שִׂכְלֵנוּ וּמֹחֵנוּ וְלִבֵּנוּ עַד מְאֹד וְכָשַׁל כֹּחַ הַסַּבָּל מֵרֹב הַצָּרוֹת וְהַתְּלָאוֹת וְטִרְדַּת הַזְּמַן.

**רוח נשברה – תמחול ותסלח ותכפר לנו – הוא מבלבל את תפילתנו ואת מחשבותינו תמיד...**

**ווייל די אלע זאכן זענען א גרויסע שטער פאר אונזערע תפילות!**

[ד] דער פסוק דארף הסבר, וואס מיינט דאס ״פנה״ אל תפילת הערער, עס וואלט געדארפט שטיין ״הקשיב אדער שמע״, תפילת דארף מען הערן נישט זעהן!
[ה] כמש״כ לעיל בשם רבינו בחיי וכ״ה בכלי יקר, כי אף על פי שהגיע קץ כבר לא היו ראויים לגאלה.

# מוסר השכל:

## לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד יַעַנְךָ ה' בְּיוֹם צָרָה

דער ערשטע זאך וואס איד דארף טוהן בעת צרה איז דאווענען צום אייבערשטען. אנשטאט קרעכצן און קלאגן אין די וועלט אריין, זאל מען קרעכצן און וויינען צום אייבערשטען. מען דארף כאפן די געלעגנהייט ווען מען איז א לב נשבר און זיך בעטן ביים בורא כל עולמים אז ער זאל העלפן. און כביכול וועט אויסהערן און בעזהשי"ת העלפן, אפי' מען איז א זונדיגער!

געדענקט דעם כלל: וואס דארף א איד טוהן ווען ער איז אין אן עת צרה? **וַיִּצְעֲקוּ אֶל ה' בַּצַּר לָהֶם.** ער דארף שרייען צום אייבערשטען און **מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם**, פון די צרה וועט ער גערעטעוועט ווערן. אין אלע צייטן, איז תפילה אלעמאל געווען דער מיטל און די וועג ארויס פון אלע שוועריקייטן.

אבער איידער מען דאווענט, דארף א מענטש זיך איינ'חזר'ן, "**רחמנא ליבא בעי**". אויב א מענטש וויל האבן פיל מער מעגליכקייטן אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן, זיין תפילה זאל אנקומען און זיך בעטן פארן כסא הכבוד, זאל ער צולייגן אביסל הארץ און טראכטן "וואס גיי איך יעצט טוהן..."

מען זאל רעדן צום אייבערשטען, לכה"פ ווי אזוי מען רעדט צו א חבר. ווען מען רעדט צו א חבר, טוט מען נאך עטליכע זאכן אינדערמיט?! ווען מען רעדט צו א חבר, מורמלט מען אפ די ווערטער אדער זאגט מען קלאר ארויס וואס מען וויל?!

מיט אביסל התבוננות און מער הארץ, קענען אונזערע תפילות באקומען פיל א גרעסערע כח אז עס זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון לפני אדון כל. כי קל שומע תפילות ותחנונים אתה.

---

**נ.ב.** אין ספה"ק נועם אלימלך, ווערט געברענגט אז דער עיקר שטערונגען פון די מחשבות איז דוקא ביים דאווענען. נאכן דאווענען, פליען אוועק די אלע בלבולי המחשבות און יעדע מחשבה וועלכע פאלט איין אינמיטן דאווענען האט נישט קיין קיום. אפי' אויב עס קומט אים אן עצה אדער תחבולה פאר עבודת ה', זאל זיין וואס עס זאל נאר זיין, וויבאלד עס איז אים איינגעפאלן אינמיטן דאווענען, סוף כל סוף וועט עס נישט האבן קיין קיום כי שקר אין לו רגלים...

(מאמר בטחון והתחזקות מספה"ק שומר אמונים)

# מעשה רב

**דער געוויין פון דער מאמע פונעם חפץ חיים**

עטליכע יאר נאך דער מאמע פונעם חפץ חיים זצ"ל איז אוועק, האט מען געטראפן אן אלטן תהילים אין איר שטוב. ווען מען האט דאס געברענגט פארן חפץ חיים, האט ער דאס ארומגענומען און געקישט, און מיט טרערן אין די אויגן געזאגט פאר זיינע ארומיגע.

"צו ווייסט איר וויפיל טרערן מיין מאמע ע"ה האט יעדן פארטאגס פארגאסן אויף דעם ספר תהילים, אז איר זוהן זאל אויפוואקסן אן ערליכע און געטרייע איד??"

(המאורות הגדולים)

**תפילה מיט הארץ ברענגט א חפץ חיים!**

# הערות פון די לייענער

**לכבוד המערכת:**

אינעם פאריגע וואכעדיגע גליון, האט איר געשריבן איבער דעם ענין פון "**אחכה לו בכל יום שיבא**" און נישט ווערן באקוועמט אין גלות.

ווי וואונדערליך איז מיר געווען פרייטאג-צו-נאכטס ביים זינגען "רבון כל העולמים" פאר קידוש, זיך פלוצלינג אפצושטעלן ביי די ווערטער "**שתרחמני עוד בגלותי לגאלני**" און טראכטן צו זיך.

"וואס איז פשט פון דעם "עוד" בגלותי? עס וואלט ענדערש געדארפט שטיין **שתרחמני בגלותי לגאלני!**" האב איך א קוק געטוהן אונטן אין די זמירות און געזעהן א וואונדערליכע פשט וואס ווערט געברענגט פון רבינו זי"ע בעל דברי יואל הו"ר תשט"ו.

ווי דער רבי זי"ע איז דארט מסביר: אודאי טוט כלל ישראל האפן אוןווארטן בכל יום שיבא הגאולה שלימה אבער ביז דעמאלטס זענען דאך די הערצער פון די אידן בגלות ובשיעובד, זייענדיג צווישן גויים רשעי ישראל.

טייטשט דער רבי: "**שתרחמני עוד בגלותי לגאלני**, רבוש"ע, נאך זייענדיג אין גלות זאלסטו רחמנות האבן אויף אונז און אונז ארויסהעלפן! ווייל מיר דארפן גרויס רחמי שמים אז מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן און חלילה נישט אריינפאלן טיפער אינעם גלות און אונזערע הערצער זאלן נתעורר ווערן און וועלן לאהבתו ית"ש!"

ישר כח,
מ.ג. ברוקלין